# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
In A Sof Zumer-Tog / At the End of a Summer Day

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/53x9f4wj

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 95(1)

### Author
Chaim Plotkin, Khayim Plotkin/

### Publication Date
1980

### Copyright Information
Copyright 1980 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

חיים פלאָטקין / ניו־יאָרק

# אין אַ סוף זומער־טאָג

דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע רחשאַנער יידן

א.

דער ים איז היינט שטיל,
אָן אַ סימן פון צאָרן,
און נעכטן — זיינע כוואַליעס געלאָדן מיט שרעק:
ווי שאַרקן געביסן
די פעלדזן וואָס שיצן
דעם הילפלאָזן ברעג.

אַ שפּראָצל אויף טאָג ערשט,
און איך — שוין אַ וואַכער,
אַ גרייטער בין: שווימען דאָ אַליין
מיטן ערשטן בליאַסק
אין סוף־זומער־שיין.

ב.

ווייט פון דער העלער,
פריש־צעבראָנעוועטער פליאַזשע
שווימט אַ שיף אַריין
אין בלויען באַגינען,
ווי אַ צעפינקלטער באַרג שניי
וואָס ווערט נישט צערונען.

די קנוילן רויך פון די קוימענס
צעפלאָשעטע אין פרעג־צייכנס
בלייבן איבער די מאַסטן הענגען.
אַ וואָלקנדל, ווי שיפּאָן פאַר אַ חופּה־קלייד
אַנטלויפט —
פון קוימענס זיין אָפּגעשיידט...

מעוועס קומען פון אַלע זייטן
די שיף באַגלייטן.
ווי אַראָפּ פון זינען
יאָגן זיי זיך
אַ ברעקעלע פרישטיק
אינעם אַרויסגעוואָרפענעם אָפּפאַל
צו געפינען.

ג.

די ווייסע שיף פאַרשווינדט.
דאָס וואַסער איז ליבד,
הימל־בלויאיק קלאָר,
ווי געשליפענער קרישטאָל.
איך טויך אַראָפּ אין וואַסער דעם קלאָרן
און דערפיל זיך
ווי כ׳וואָלט פאַרלוירן די משא
פון מיינע שאָפּ־יאָרן.

ד.

ביים ים איך בין מער נישט אַליין:
פון די קאַבינעס אויפן קאַרק
פון באַבוימערטן באַרג
האַלב־נאַקעטע
קומען מענטשן צוגיין.
עס פאָכען צו מיר צוויי הענט
ווי זיי וואָלטן אַ קרוב, אַ ליבן
פון דער וויט דערקענט.
איך ענטפער נישט,
כ׳וועל זיך צום ברעג איצט נישט יאָגן
ווי אַמאָל, אויף מיין שטעטעלעס באַרעוו־טייך,
וואַהין ס׳האָט אַצינד מיין געדאַנק מיך פאַרטראָגן.
איך שווים
און מיר דאַכט זיך, איך לויף גאָר
אויפן שמאָלן בלאָטיקן געסל
צו אונדזער בידנער, הילצערנער כאַטע
און הינטער מיר
סטאַשעק, מיטן מערדעריש פנים ווי זיין טאַטע
בראָנעק דער קיילער
האַלט מיך אינדעריאָגן:
— פשאַ־קרעוו — זשידעק פאַרכאַטי !!!

ה.

אויף קנאָפּער ווי מיינע צען פינגער
קען איך יענע יאָרן מיינע ציילן.
ס׳פנים פון שטעטעלע ר ו ז ש אַ ן
אין זיכרון כ׳האָב פאַרהיט.
קינדער־יאָרן וויאַנען נישט —
זיי בלייבן אין מענטש
און אין ליד...

יעקב שייפער

# מאַטקע דער געלער

אַזוי האָט מען אים גערופן און אַזוי האָט ער זיך אַליין פאָרגעשטעלט. פאַר־וואָס? פשוט, ווייל ער איז טאַקע געווען אַ געלער: געלע געקרייזלטע האָר, געלע ברעמען, געלע זומער־שפרענקלעך. צי האָט ער געהאַט אַ פאַמיליע־נאָמען אויך? מסתמא, אָבער צו וואָס איז דאָס געווען נייטיק, אַז אַלע האָבן אים גוט געקענט אָן דעם.

געווען איז ער פון מיטעלען וווּקס מיט אַ פאָר ברייטע פלייצעס און אַ פאָר הענט! הענט? אַ פאָר ידיים! אַז ער האָט עמיצן מכבד געווען מיט אַ מתנת־יד, האָט עס איבערגעלאָזט אַן איינדרוק אויף גאָר אַ לאַנגער צייט. הכלל, אַ יונג אַ גיבור.

מיט וואָס האָט ער זיך באַשעפטיקט? דאָס איז געווען אַ סוד. עפּעס האָט מען געשמועסט וועגן ניט כשרע זאַכן, וועגן צו קלעפּיקע פינגערס, און אַז ער איז שוין געזעסן „סראָק" אויך. נאָר אויף זיכער האָט קיינער ניט געוווּסט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז גוישע כוליגאַנעס זיינען באַפאַלן אַ פאָר ישיבה־בחורים און זיי אַכזריותדיק געשלאָגן. יידן שטייען פון דער ווייטנס און האָבן מורא זיך אָנצו־נעמען פאַר זיי. פלוצים איז אָנגעקומען

---

נישט פאַרגעסן האָב איך
ווי דער טאַטע האָט מיך געלערנט
זיך האַלטן אויפן טייך
מיט וואַסער־טריט.
אין מיר בעסט
מיין מאַמעס צעשראָקענע אויגן
מיט טרער'ן פאַרשווומען
ווען אויסגעצוואָגענע
מיר פון טייך פלעגן קומען;
מיך גריזשעט דער אַמאָל —
ביי די פאַנעס —
אונדזער גורל אויף דער שאָל...

— — — — — — — — — — —

כ'פאַרליר דעם תענוג פון שווימען,
די ליכטיקייט
ווערט מיר פאַרטונקלט,
דעם הימלס בלויקייט — פאַראַשט.
די זון — פאַרבלענדט.
מיין נאָך פאַרבליבן ביסל רו — פאַרקלעמט...
איך דערפיל זיך אין אַ פאַרשאָלטענעם פינצטערן עיגול.
די געזאַלצענע שפריצן פון בענקשאַפט
אויף מיין פנים
ווי צעקרישלטע ברעקלעך
פון אַ פאַרהאַנגענעם שפיגל...

(סוף־זומער, 1979)